STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03883

DI SHLAKHT FARN MENTSH

Elie Verblun

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עליע ווערבלון

די שלאַכט פאַרן סענטש

אין

אַנדערע געזאַנגען

★

מאָנטעווידעאָ

1944

LA BATALLA POR EL HOMBRE

VERSOS

de

ELIE VERBLUN

Montevideo

1944

Imprenta UNIVERSAL
Florida 1152 - Tel. 8-61-13

Printed in Uruguay

פאָרוואָרט:

כיבין אָן סאָפעק, אַ טרויעריקער אויסנאַם אין אונדזער וואָכעדיקן, פאַרהאַוועטן לעבן. אַ מענטש פאַרנעמט זיך גאָר מיט שרייבן לידער, אַרויסשטעלנדיק זיך אַף לייטיש געלעכטער. דאָס גרעסטע זידלוואָרט, וואָס מיינע שכיינים פלעגן מיר אופוואַרפן, (און מיט שכיינים פעלט ניט קיין אינצידענטן!) איז געווען: פּאָעט! — נאָכדעם איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו זידלען זיך, וואָרום וואָס קען נאָך זיין ערגער?

אַסאַך מאָל האָב איך געבעטן באַם גאָט פון די פּאָעטן — אַפּאָלאָ, ער זאָל זיך אָנעמען מיין קריוודע. נאָר אַפּאָלאָ, זאָל ער מיר מויכל זיין, האָט זייער גערן, ווען פּאָעטן לייזן, ווייל פון ליידן ווערן געבוירן זייער שיינע לידער.

מיין בוך האָט זיך נאַטירלעכערווייז צעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען: „די שלאַכט פאַרן מענטש" און „אינטים". די ערשטע אָפּטיילונג איז אינספּירירט פון די עפּישע, היסטאָרישע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן און די צווייטע — פונעם לעבן פונעם האַרץ. מיטביידע מינים לידער בין איך ניט אויסן ווּעמען צו לערנען, אָדער בעסער צו מאַכן, וואָרום איך אַליין האַלט זיך ניט פאַר קיין צאַדיק. דאָך וואָלט איך װעלן, אַז מיין ליד זאָל דיר, לעזער, געפעלן און דו זאָלסט זיי איבערלעבן אין דיין ברוסט.

דאָס בוך דערשיינט אין יאָר 1944, אין יאָר פון זיג און פרידן,
ווען עס עפענען זיך פאַרן בליק נייע, ליכטיקע האָריזאָנטן, ווען,
ווי מיר גלויבן אַלע, דער מענטש וועט, סאָפּקאָלסאָף, אָנהויבן לעבן
ווי אַ מענטש... אין פריינטשאַפט און אין ברידערלעכקייט פון
פאָלק מיט פאָלק און פון יאָכיד מיט זיין כאַווער, באַלויכטן פון די
צוויי זונען — וויסנשאַפט און קונסט.

לאָמיר זיך בענטשן מיט די דאָזיקע האָפענונגען אונדזערע!

ע ל י ע ו ו ע ר ב ל ו ן

מאָנטעווידעאָ, 31-טן דעצעמבער 1943

די שלאַכט פאַרן מענטש

העלדן - ליד

ס'איז ליב אונדז די זון און די שטערן,
דאָס לעבן איז ווויל און גוט!
אזוי ווי דער ווייַן אין דעם יערן,
איז רוישיק און יונג דאָס בלוט.

עס שטייגט דער דעמב אין די הייכן
מיט זאַפטן גאָר פול און קראַפט;
דעם הימל עס קענען דערגרייכן
די פרייע און ניט דער שקלאַף.

די ליפּן באַוואַשן מיט לידער,
אַ העלער פאָנטאַן אין ברוסט;
מיר זינגען פאַר לעבן, אָ ברידער!
דעם מענטשן אַ ליד, אַ קוש!

די אָרעמס צעשפּרייטע, ווי פליגל,
זיי נעמען אַרום די וועלט
און יעדערנס אויג איז אַ שפּיגל,
וווּ פרייַנטשאַפט איז אָפּגעשטעלט.

און ווען מען אין שלאַכטן אונדז רופן,
דאַן וועלן מיר מוטיק גיין!
דאָס האַרץ — פון געזאַנג בעגילופן,
דאָס האַרץ, וואָס איז מענטשלעך, ריין.

אין נאָמען פון לעבן זיך שטעלן
אַנטקעגן דעם פיינט, מיט האַס;
דער מענטש איז אַ פאַקל אַ העלער,
דער טויט איז אַ שאָטן בלאַס.

און פאַלט מען, ווי זאַנגען, פאַרשניטן,
צום מאָרגן דער לעצטער בליק:
אַ ברידער! די וועלט זאָלט איר היטן
און אַלעס וואָס בליט אין גליק!

☆

ד ע ר ס ו י נ ע

דאָס איז די ראַסע פון די האַרן!
דער אויבערמענטש פון גאָט וואָטאַן!
פון וואַלד אַרויס, פון דעם קאַשמאַרן,
די מענטשנפרעסער פון גערמאַן!

זיי טרינקען בלוט מיט פאַרגעניגן
און קינדער-לייבער עסן זיי;
זיי ווילן עם די וועלט באַזיגן
מיט בלוט, מיט פייער און מיט וויי.

די שיינע שטעט זיי צינדן-אונטער,
די הייזער מאַכן זיי צו שטויב;
זיי ליבן פייער, רויך און צונטער,
זיי ליבן מאָרד, זיי ליבן רויב.

זיי פרייען זיך מיט יענעמס ליידן,
און טרערן וואַשן זיי די פּים;
זיי טויטן ניט, זיי טוען שניידן,
ווייל „שניידן איווערימווייז איז זיס!"

זיי שענדן מאַמעס און די טעכטער
און אויגן פון די טאַטעס, זין;
דאָס האַרן-פאָלק — „האַשגאַכעס וועכטער",
„די בלאָנדע קרוין פון מענטשן-מין"!

זיי צירן זיך מיט טויט אַרומעט,
דער באַרג פון שארבנס איז שוין גרויס!
אייראָפּע! — אַלטע היים פון אומעס!
אַ קיוּוער איז אַצינד דיין הויז! —

פון מיזרעך רופן די קלאַרנעטן,
און לופטן הילכט אַ זיגער-ליד,
אַ ברודער-גרוס, עס שאַלט די רעטונג:
אַ שטערן אין דעם הימל בליט.

☆

די באַלאַדע וועגן דער קינדערשער האַנט

אָ, פּערז, מיין פּערז, אין שוואַרצן קרעפּ זיך וויקל,
ווען טרויער, האַס און צאָרן שטורעמען די זעל:
אַ גרוב פאַר זיך האָט מיט די בלויזע פינגער,
דער פיינט געצוווּנגען גראָבן — אַז צו אים אַ טעל!

אַ מאַכנע יידן — מענער, פרויען, קינדער,
צונויפגעטריבן אַפן מיט פון אַלטן מאַרק,
מעסלעסן דריי, אין ווינט, אין קעלט, אין רעגן,
פאַרגראָבן זיך אין שויס פון ערד, — אַ מענטשנבאַרג!

די גרוב איז טיף, דאָך איז דעם פיינט אַלץ ווייניק:
ער שמייסט מיט בייטשן, שטעכט מיט שפּיזן,
ווו ער גרייכט;
די גרוב איז פול מיט בלוט זיך באַלד צום באָדן,
ס'איז לייכט צו גראָבן שוין... די רויטע ערד איז ווייך.

באַנאַכט האָט די לעוואָנע אופגעציטערט
און איז פאַרקראָכן אונטער וואָלקנס, פאַרן גרויל;
אין יענע טעג האָט זון זיך ניט באַוויזן,
נאָר ווינטן האָבן זיך צעיאָמערט אַפן קאָל.

געאָרעמטע, אין גרוב עס ליגן גופים,
געקראַמפט פון שאַנד פאַר מענטשן - מין,
געקראַמפט פאַר וויי;
זיי לעבן נאָך... דער טויט איז ניט געקומען;
די ערד וועט זיי פאַרדעקן לעבעדיקערהייט.

אַ ראָטע זעלנער, פרייליך, מיט האַנאָע,
מיט אימפעט שליידערן די שווערע רידלען ליים
אַף לעבעדיקע גלידער און נעשאָמעס, —
די גרודעס, פיל איך, פאַלן, ווי אַף מיר אַליין.

און נאָכדעם האָט אַן אָפּטיילונג פון רייטער,
דעם סוינעס רייטער — ס׳זיצן הינט דאָך אַף די פערד!
דעם באָדן אויסגעגלייכט, זיך אָנגעווייצלט
אַף קינדערישער האַנט, וואָס סטאַרטשעט אַרויס
פון דר׳ערד.

מיין ברודערס האַנט... אַ דראָונג און אַ מאָנונג!
צו מיר, צו דיר, נאָך בלוטיקער נעקאָמע רופט;
איך זע די האַנט, זי שפּרייט זיך אַפן הימל,
זי טראָגט זיך אומעטום, ס׳איז פול מיט איר די לופט.

☆

ד ע ר   ש ט י י ע ר ה ו י פ ן

און שטאָט איז דער סוינע שוין דאָ,
מיט אים איז געקומען די נאַכט,
פון טהאָמען אַרויס — אַ געשפּענסט;
די היצלעס אין זעלנערשן גראָ,
זיי האָבן דאָס אומגליק געבראַכט,
דעם טויט פאַר דעם מין פון דעם מענטש.

און ערגער פֿון כאַיעס פֿון וואַלד,
מיט שמוציקע הענט פֿון וואַמפּיר,
זיי װערגן מיט קרענקלעכער פֿרייד
אין הונגער נאָך טויט און געוואַלד,
אין סלינעדיק גאַווער פֿאַרשמירט,
מיט שיקערן נויעף־געשריי.

נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט — אַ נול
אַנטקעגן דעם יאָנטעוו, וואָס קומט:
אַ שייטער דאָרף ברענען אין שטאָט,
אַ שייטער מיט יידן גאָר פֿול,
דאָס פֿייער — אָן אָפּענע בלום,
זאָל פֿרעסן דעם ייד מיט זיין גאָט!

זיי טרייבן די יידן צונויף,
די איידע די גאַנצע נ׳אַ שטאַל —
עס גייען די אַלטע פֿאַרשטאַרט
מיט בליקן צום הימל אַרויף,
א קראַנקער גייט און ער פֿאַלט;
צי ווייסן זיי וואָס זיי דערוואַרט?

עס גייען די יונגע מיט מוט,
געשטויסן פֿון סוינעס באַגנעט,
אַ מוטער מיט קינד אַף דער האַנט.
און ס׳גיסן זיך ריטשקעלעך בלוט
נאָך זיי און דאָס בלוט ווערט פֿאַרשפּעט,
דאָס בלוט, וואָס איז הייליק — צו שאַנד.

און ס׳גייען מישפּאָכעס צוזאַם:
דער זיידע מיט לעצטן זיין צווייג,
דאָס איינִיקל טוליעט זיך צו

צום אַלטן, צום אייביקן שטאם.
עס גלעט אים דער אלטער און שווייגט
ער וויל שוין דערגיין ערגעץ-ווו.

די נאַכט האָט די שאָטנס פאַרהוילט.
די אייביקע שטערן נ׳דער הויך,
וואָס קוקן אַראָפּ אַף דער ערד,
זיינ׳, איידעס געווען צו דעם גרויל,
ווי פלאַקער פון פייער און רויך,
האָט איידע מיט יידן פאַרצערט. —

אין שטאָט איז דער סוינע שוין דאָ,
מיט אים איז געקומען די נאַכט,
פון טהאָמען אַרויס — אַ געשפּענסט;
די היצלעס אין זעלנערשן גראָ,
זיי האָבן דאָס אומגליק געבראַכט,
דעם טויט פאר דעם מין פון דעם מענטש.

☆

ש ל אַ כ ט - ל י ד

פאָרויס מיט די פרייהייט-אַרמייען!
צום זיג, וואָס גייט אוף ווי אַ זון!
די בלוט-רויטע פאָנען — זיי ווייען
אין שטורעם פון שלאַכטן, מיט רום.

עס יאָגן די העלדישע רייטער,
די הערצער — זיי קוועלן מיט מוט,
דער אָטעם — אַ גליאיקער שייטער,
דער בליק איז — אַ פייערדיק רוט.

זאָלן פילן דער סוינע דעם צאָרן,
דעם האַס, וואָס איז שאַרף, ווי די שווערד;
כאַווייריס! פאַר גליקלעכע יאָרן!
פאָרויס! פאַר דער מאַמעלע ערד!

ניט פאַראַנען קיין ווערטער אין לאָשן
פון עקל צום הינטישן פיינט;
פאַר לעבנס מיליאָנען פאַרלאָשן!
פאַר לעבנס פון קינדער — שלאָגט היינט!

שוין פול איז דער שלאַכטפעלד מיט פגאָרים,
די לופט — מיט אַ מיעס געשטאַנק;
אָט-דאָס איז פון היצל געוואָרן!
אָט-דאָס פון זיין גנייווישן „דראַנג"!

און יאָרן קעסיידער מיט רעגן,
ניט אָפוואַשן וועלן די שאַנד
פון סוינע, צעוואָרפן אַף וועגן,
צעשטיקלט — זיין פוס און זיין האַנט.

דער קאָשמאַר

איך האָב אַ בייזן טרוים געזען,
צו אַלדע וויסטע שוואַרצע יאָר!
צו ענדע איז דער קריג געווען
און היטלער האָט געזיגט — דאָס גאָר!

די וועלט האָט ער געהאַט אין האַנט
און אַלע פעלקער — זיינע קנעכט;
די ערד איז פול מיט טויט און שאַנד,
ס׳פאַרשילטן זיך די טעג און נעכט.

פון יידן-שאַרבנס אויפגעבויט
האָט ער אַ זיגער-פּיראַמיד;
די זיבעצן מיליאָן געטויט,
געבליבן איז (אָ, טרוים!) איין ייד.

דער איינציקער, דער לעצטער ייד
בין איך געווען, פון אורוגוויי;
אַ מענטש פון צייטונגען און ליד —
די וועלט איז נאָך ניט יידן-פריי.

מיין שאַרבן פעלט אין פּיראַמיד,
מיין לעבנס-חוצפּע איז גאָר גרויס!
פאַרגעסן האָט מען מיך, צי ניט?
נו, איצט וועט מען מיך מאַכן — „אויס".

דער נאַצי וואָס האָט מיך געטויט,
האָט קוילן פיל געהאַקט אין מיר;
אַ טייכל פליסט פון מיר אַ רויט
און איך האָב זיך נאָך אַלץ גערירט.

דערנאָך האָב איך זיך אופגעכאַפּט
פון בייזן כאַלעם, פון קאָשמאַר.
די ראַדיאָ שרייט אַריין: צעקלאַפּט
איז ער — דער ניט-דערלעבטער האַר!

☆

דער רויטער טייך

עס האָט געברויזט די שלאַכט באַם טייך,
באַם טייך — דאָס מוטערל פון לאַנד;
קאַנאָנען הייזעריק צעקייכט,
זיי שליידערן פון זיך דעם בראַנד.

ס'איז פול געווען דער רוים מיט רויך,
ווי ס'וואָלט געברענט די שוואַרצע ערד;
די זון, פאַרפינצטערט, אין דער הויך,
האָט קענען סוינע זיך געווערט...

דער פאָטער האָט געזאָגט: — איך גיי!
אין שלאַכט וועל איך אַצינד אַריין!
און קום איך ניט צוריק, מיין דריי
פאַרנומען זאָל דאָך שטענדיק זיין! —

דער בראַוװער אַלטער — ווי אַ פּאָן
צעפלאַטערטע אין שטורעמווינט,
אין הייסער שלאַכט אַריינגעטאָן,
ביז הייסע קויל זיין ברוסט געפינט.

עס ברענט די שלאַכט באַם טייך נאָך איצט,
באַם טייך דעם רויטן, ווי די פּאָן;
דער זון, מיט שווערד אין האַנט צעבליצט,
ער טרייבט דעם פיינט אַריין אין טהאָם.

☆

נ י ט ד ע ר ט י י ך װ ע ט ב אַ ש י צ ן ד י ה אָ ר ד ע ס . . .

ניט דער טייך וועט באַשיצן די האָרדעס,
ניט די זון, ניט דער האַרבסטיקער רעגן —
ס׳האָט דער מענטש אין זיין האַרצן געשוואָרן,
אַז דער פיינט זאָל פאַרגיין זאָל פאַרעקן.

די נאַטור האָט אויך גיפטיקע שלאַנגען,
אויך באַצילן דאָס לעבן פאַרצערן,
נאָר פון בייז איז דער העכסטער אין ראַנגען
אָט - דער וואָרעם — דער נאַצישער קערל.

שוין אַ טויטן קען ערד ניט פאַרטראָגן
זיינע ביינער — דאָס מיסט פון די מיסטן,
ווייל אַז אַוועך פון זיי עס טוט שלאָגן
און די ערד ווערט פאַרדאָרבן, פאַרוויסטעט.

ווער האָט לעבנס פאַרשניטן — ווער מערער,
די בובאָנישע פּעסט, צי דער נאַצי?
אין מײַן פאָלקס זודיק בלוט האָט דער מערדער
זײַנע שמוציקע לאַפּעס געוואַשן.

נאָר דאָס בלוט פון די פעלקער פאַרדאַרבט ניט:
זע דעם רויטן געוויסער, וואָס שטורעמט!
ווי עס רײַסט, ווי עס ברויזט, ווי עס וואַרפט זיך!
דער סאַמבאַטיען פון בלוט קען ניט רוען!

עס באַהאַלט אויס די זון אַזאַ שמײכל
און די לופט — אַזאַ דופטיקן רײַער
פאַרן טאָג פון ניצאָכן דערגרײכטן,
פאַרן מענטשן די ליכטיקע הײכן!

ס'איז נאָך קײנמאָל געווען אַזוי הײליק
אין די זעלנערשע הענט זײַנע וואָפן,
ווי אין שלאַכט פאַרן מענטש, צו דערצײלן
אַף דאָר-דוירעס, אין הילכיקע סטראָפן.

ניט דער טײַך וועט באַשיצן די האָרדעס,
ניט די זון, ניט דער האַרבסטיקער רעגן —
ס'האָט דער מענטש אין זײַן האַרצן געשוואָרן,
אַז דער פײַנט זאָל פאַרגײן, זאָל פאַרעקן.

☆

צי לעבט נאָך מיין מאַמע
אין ליטווישן שטעטל?

צי לעבט נאָך מיין מאַמע אין ליטווישן שטעטל?
די אָרעמע מאַמע מיט שניי - ווייסן קאָפּ!
צי האָט ניט דער סוינע זיין בלוטדורשט געזעטיקט
און אויכעט מיין מאַמען פאַרשניטן האָט גראָב?

מיין הײמלאַנד, מיין ליטע, מיין ײדישע ליטע!
באַשמוצט פון דער כאַיע, געשאָכטן, געשטיקט;
די דערפלעך די גרויע — ווי יאָמערן ביטער
אַף טרוקענע פעלדער, אָן ברויט און אָן גליק.

עס קען דער געדאַנק ניט פאַרנעמען, אַז קאָוונע,
די שטאָט פון מיין האַרץ, פון מיין קינדישן וויי,
איז אונטערן סוינעס בייטש היינט — פאַראָוולט,
דער ניעמען — מיין יאַרדן — זאָל פליסן פאַר זיי...

אַז בערגלעך ארום זאָל דער סוינע פאַרשוועכן
מיט הינטישן אויג, ווי אַן אָפּגרונט פון מיסט;
די בערגלעך פאַרטרוימטע און כיינעוודיק נעכטן,
פון מאַפּו דעם דיכטער, אַמאָל נאָך געגריסט.

מיין כאַווער, מיין ברודער, אַוו ביסטו איצטער?
צי האָט ניט דער סוינע פאַרשניטן דיין וועלט? —
איך גלויב, אַז דו וואַכסט, אין דער שאָ אין דער וויסטער,
מיט ביקס אין דעם וואַלד, אַ מיין ברודער, מיין העלד!

עס ווייעט דער טרויער אַף פּינצטערע גאַסן,
דער טויט מיט דער קאָסע איז האַר גאָר אַליין!
דאָך עגבערט אין שטילקייט אַ טויטלעכער האַסן,
עס שלאָגט אַ ווולקאַן אין דער טיף, אין געהיים. — — —

צי לעבט נאָך מיין מאַמע אין ליטווישן שטעטל?
די אָרעמע מאַמע מיט שניי - ווייסן קאָפּ!
צי האָט ניט דער סוינע זיין בלוטדורשט געזעטיקט
און אייביקעט מיין מאַמען פאַרשניטן האָט גראָב?

☆

די שטראָף

ווּעם אומפאַרגלייכלעכן
איליאַ ערענבורג געווידמעט

אָ ליד מיינס, גיב מיר דעם געדאַנק דעם ריכטיקן
צו מישפּעטן די מערדער מיט פאַרשטאַנד
און וויז מיר אָן די שטראָף די זיכערע,
וואָס זאָל פאַרצערן זייער גוף, אין שאַנד.

איך וויים: ס׳וועט לייכטער זיין דעם גזאַר אַרויסטראָגן,
ווי אויספירן מיט אייג׳נע ריינע הענט;
עס עקלט מיר זיין בלוט, ניט כ׳וועל זיך אויסטויגן
צו שניידן פאַסנווייז אָט-ווי דער סוינע קען.

צי קען איך ווייבער זייערע פאַרגוואַלטיקן,
באַגראָבן לעבעדיקע גאַנצע שטעט?
איך קען ניט קינדער שעכטן און די אַלטיטשקע
אַזוי - זיך קוילענען אין זייער בעט.

עס עקלט מיר זיין בלוט און זיינע פּגרים,
אַ טייך פאַרגיס און ס'וועט ניט זיין גענוג!
ווען כ'וואָלט אַ האַרץ געהאַט א האַרט־ פאַרפראָרן,
וואָלט איך אַריבער זיי מיט אַקער־צוג.

אָ ליד מיינס, כ' וועל אַרויסטראָגן דעם מישפּעט,
די שטראָף פיר דו אויס, מוזע פון מיין זעל!
און רוף די קויבעס פון גאַטור, די וויסטע,
מאַגייפעס פינצטערע, די בראַנד, דעם טעל!

די טריקעניש שיק אָן אַף זיינע פעלדער,
זאָל קראַפּיווע און דערנער זיין די גאָב,
די יאַשטשערקע זאָל ווימלען באַ די שוועלן,
די שלאַנג — אַף זיין געלעגער באַ זיין קאָפּ!

די דאַרע ערד זאָל ברעכן זיך און שפּאַלטן
און איינשלינגען אין זיך אַ פאָלק אַ פוילס,
אַ שטיינער - האָגל זאָל פון הימל פאַלן
און דער וולקאַן זאָל עפענען זיין מויל!

זיי זאָלן, ווי אין סדאָם, פאַרגליווערט בלייבן,
אַזוי פאַרשטיינערט וואַרטן אַפן טויט,
ווי די באַגראָבענע, די מענטשן - לייבער,
וואָס האָבן אונטער ערד זיך נאָך געראָעט!

און וועט אַ קינד באַ זיי געבוירן ווערן,
עס זאָל אַ צייכן ברענען אַף זיין קאָפּ,
אַ שלאַנגען - צייכן אַף זיין קאַין - שטערן,
ניט אָפּצומעקן, קיינמאָל זאָל אַראָפּ!

ווייל מערדער זיינען אַלע, אַלע;
אַוו איז די מישפּאָכע — ווייז מיר אָן,
וואָס האָט ניט צווישן זיך געהאַט קיין טאַליען,
קיין קינדער - מערדער, רויבער און קיין שפּיאָן!

אַזוי אַז אַלע זאָלן ליידן, ליידן,
און איצטער זאָלט איר מאָרדן זיך אַליין,
דער מערדער זאָל זיין אייג׳נעם טאַטן שניידן,
אין אייגן לייב איצט שניידט אַריין די ציין!

און שענדן זאָלט איר זיך אַצינד אייגאַנדער,
דער טאַטע — זיינע טעכטער; מאַמעס — זין,
ווי הינט אין מיטן גאַס און זאָל די שאַנדע,
די זנוס און גזיילע זיין דיין לעבנס - זין!

די שטערן פון דעם הימל און די פלאַנצן,
וואָס וועקן אויף די פרייד אין מענטשנס ברוסט,
אין פינצטערניש זיי זאָלן זיך באַהאַלטן
און דיינע אויגן זאָלן בלייבן פּוסט.

וואָלט נאָך געווען אַ פאָלק אַזאַ פאַרדאָרבן,
אָ ליד מיינס, שיק אים אָן אַצינד אַף זיי,
ווי סטאַיע וועלף, מיט גיריקייט צו מאָרדן
און זאָל ער נעמען זיי אַף זיינע ציין!

און דאָס זאָל זיין די שטראָף פאַר מיינע ברידער,
וואָס דו האָסט זיי פאַרשניטן, אָפּגעמעקט
פון דער אוקראַינע, פוילן, פון מיין ליטע,
וואָס דו האָסט זיי געמאַטערט און פאַרעקט!

און ראָס זאָל זיין די שטראָף פאַר דער פאַרוויסטונג
פון שטעט און דערפער פון מיין לאַנד, מיין היים;
דער יאַם זאָל אָנקומען און דיך פאַרגיסן
און כוואַליעס זאָלן איבער דיר אַריבערגיין!

☆

די פליער

אונדזער וועג איז דער וועג פון די שטערן,
אַף פעלדער פון לופטיקן הימל,
אין דער ראַכוועס, אין יאַם פון די ספערן,
אַריבער די וואָלקנס אין דרימל.

ווי עס בייסט דער פראָפעלער די ווייטקייט!
דער רוים איז פון פליגלען צעשניטן;
די אָלימפּישע פערד און די רייטער,
זיי ווערן דעריאָגט און געמיטן.

אין באַגינען, אין ראָזלעכן ציטער,
ווען ליכט פון דער זון הויבט אָן קוועלן,
איבער יאַם אין זיין רו; אין געוויטער,
ווען ס׳רוישן מיט רוגזע די וועלן.

אין געווירבל פון שטורעם, דורך כמאַרעס,
מיר פליען, מיר שניידן, מיר שטייגן;
ווען עס קייקלען זיך דונערס, אין ליאַרעם —
מיר בינדן די בליצן, ווי צווייגן.

אין די נעכט מיט אַ בלייכער לעוואָנע,
אין אָטעם פון רו און פון שטילקייט,
ווען דער רוים איז פארזונקען אין כאַלעם,
עס באָדן זיך פליגלען אין מילדקייט.

ווען מיר בליקן אַראָפּעט פון אויבן,
די באַרג־שפּיצן שאַרפע זיך שניידן,
ווייס־באַדעקטע, אין שנייאיקן צויבער,
און אָט איז אַ טאָל... אַ גאַניידן.

איבער שטעט מיט די גאַסן, ווי רייען,
אַ רויך יאָגט אונדז נאָך פון אַ קוימען,
ער איז שוואַרץ, נאָר ער טוט באַלד פאַרווייען...
און פריי איז די וועלט — גאָר אָן צוימען.

☆

ד ע ר   מ ע נ ט ש

אַ לויב־ליד איך זינג צו דעם מענטש,
פאַר זיין בליק, וואָס איז ברייט, ווי דער רוים!
זיין האַרץ איז מיט ליבשאַפט געבענטשט
און זיין מויעך — פון וועלט איז די קרוין!

ער מעסט אויס די טיף פון דעם יאַם,
דעם מעהאַלעך פון שטערן, ער ווייס;
פון זון־לייב ער פאָרשט אויס דעם פלאַם;
ווי אַ טייך, זיין געדאַנק, אַלץ פאַרפלייצט.

ר'האָט געטער געשאַפן אַמאָל:
דעם יופּיטער, אַף באַרג פון אָלימפּ,
אויך יאַהווען, דעם גאָט פון ייסראָ'ל —
האָבן געטער געהערשט איבער אים...

דער מענטש האָט פארגעסן אָן זיך,
ווי אַ יאָסעם געוועזן אַף דער ערד.
און בלינד צו זיין אייגענעם ליכט,
צו די געטשן האָט ער זיך געקערט.

ער האָט דאָך באַפוצט דעם פּלאַנעט
מיט פיל-גאַסיקע שטעט, פון זיין מי
און די פעלדער, וואָס גיבן די זעט,
האָט זיין האַנט אָנגעצונדן מיט בלי.

און הערשער, מיט קייט און מיט קנוט,
ווי די ווערים באַפאַלן אַ פעלד —
זיי האָבן געטרונקען זיין בלוט,
ווייל דאָס בלוט איז דאָך וואַרעם און העל!

נאָר פריי, ווי דער ווינט, איז די זעל
און דער געדאַנק איז פול מיט שיין;
מען זעט שוין פאָרויס די שוועל
פון דעם טאָג, ווו מיר וועלן אַריין.

☆

☆ ☆
☆

איך ווייס עס וועלן קומען גרויסע טעג:
אַ הייסער ווינט וועט דרייען זיך אין רוים
און אַ געוויש וועט אופשטייגן פון שטאָט
צום הימל, ווי אַ ברויזנדיקער שוים.
און יעדערער וועט גיין מיט אָפענער ברוסט
און אין די אויגן — גליענדיקער צוויט.
דאָס הייסע בלוט אין אָדערן צעשטראָמט,
וועט בריען און צעפלאקערן דאָס ליד...

א י נ ט י ם

1.

כ׳בעט צו דיר, נעשאמע פון דער וועלט!
ברענג אונדז ווילקייט אף דער ערד!
פיל אן מיט דינער פרייד איעדע זעל!
אזוי פיל יארן ווי עס לעבט זיך שווער!

ברענג א לייכטע זאטקייט צו דעם מענטש
און א מילדן טרוים אים לאז,
אויף די וואר זאל זיין צו זען
ווי דורך פארבן ליל און ראז!

כ׳בעט צו דיר, נעשאמע פון דער וועלט!
קלייד אן מיט פלייש מיין ווארט!
אלע, אלע זאלן זען
מיין טרוים, מיין ארימען פארוואָרט!

2

כ׳בין אזוי ווי דאס טייכל — א הארף פאר דעם ווינט:
זאל ער קומען און רירן די סטרונעס פון וועלן! —
כ׳בין אזוי ווי דאס טייכל — א שפיגל, וואס צינדט
זיך ווען זון שפאנט אין דים איבער ליכטיקע שוועלן.

זאָלסט ניט זוכן אין דיכטער דעם וואָרצל פון ליד! —
אין דער וועלט אין דעם שייטער פון אייביקע פלאַמען,
אַט-אָ-דאָרטן זיך פאָרעמט דאָס וואָרט דאָס צעגליט
און די זודיקע ווערטער, זיי האָבן שוין גראַמען.

כ׳בין אַזוי ווי דאָס טייכל, וואָס נעמט אַלעס אויף.
ס׳קומט דער טאָג, ס׳קומט די נאַכט צו מיר רוען. —
כ׳בין אַזוי ווי אַ פליִיט, וואָס זי הענגט אין דער לופט,
וווּ עס שפּילט יעדע זאַך אויס איר פרייד און איר אומעט.

3

עס דאַרפן דאָך די מוזיקער קיין ווערטער
צו לאָזן ריידן זייער האַרץ;
זיי אָטעמען מיט קלאַנגען — לייכטער עטער,
ווי בלומען — פאַרביקע און צאַרט.

זיי בויען אויף פון ריטמען האַרמאָניען
און שלעסער פראַכטפולע פון לופט,
אָט-ניט, ווי איך, וואָס מוז דאָס וואָרט געפינען,
פאַר די געפילן — פאָרעם, גוף.

אָט-דאָס געפיל אין ברוסט איז דאָך אין כווישעך,
פון טעג געבליבענער קריסטאַל,
און ווי אַ סויכער טו איך אים צעטווישן
אַף ווערטער קליינע און באַנאַל.

4

דו דאַרפֿסט דאָך קיין ווערטער ניט האָבן
צו בענטשן די ליכטיקע שאָ.
דו שפּילסט און די טענער זיך הויבן,
ווי פֿייגל אין לופֿטן, אין בלאָ.

זיי פֿליִען אַריין אין אַ גאָרטן
פֿון ביימער מיט גאָלדענע פּרוכט.
זיי סווישערן, סווישערן דאָרטן
און לויפֿן די צווייגן אַדורך.

זיי טשעפּען זיך איין אין די שטראַלן,
ווי פֿלאַטערלעך אין אַ געוועב.
און אָט אין אַ רעגן זיי פֿאַלן,
ווי דימענטן איבער די קעפּ.

ס'איז גוט, אָ ס'איז גוט מיר צו פֿילן
דעם צויבער אין האַרץ פֿון מוזיק.
מיין וועלט אין די קלאַנגען צו הילן
און דאָס איז נאָך מערער פֿון גליק.

5

דער שלאָף איז ווי אַ רעגנבויגן,
און וואַרעם ווערט אַזוי און העל,
ווען כ'זע איך ווידער פֿאַר די אויגן,
געשטאַלטן פֿון מיין יוגנט-וועלט.

מיר זיינען אַלע דאָך צעוואָרפן,
ווו ס'האָט די וועלט אַ ווייטן ברעג.
אין כאַלעם האָב איך אייך געטראָפן,
אין אָפּרו פון די שווערע טעג.

איך וואָלט געוואָלט, אַז דורך דער לופטן
מיין גרוס זאָל אָנקומען צו אייך,
מיט צאַרטסטע ווערטער די גערופן
די ווייטקייט זאָלן קרייצן לייכט.

איך וואָלט געוואָלט, אַז אויך אין כאַלעם,
ווען איך רוט אָפּ פון שווערן אָל,
דערשיינען פון דעם טיפן כאַלעל
זאָל איך פאַר אייך, ווי גאָר אַמאָל.

6.

איך האָב אַ פריינט אין מיינע שווערע טעג,
עס איז דער הימל ברייטער אָן אַ ברעג,
איך הויב נאָר אויף מיין בליק צו אים אין פיין
און באַלד זיי ברידערן זיך שוין אין שיין.

ווייל אַלע זאָרגן זעען אויס, ווי דרויב
אין אָנבליק פון מיין פריינט — צו אים אַ לויב!
ווייל ברייט איז ער, אַ קינד איז קעגן אים
דער אָקעאַן — אַ טראָפּנדל, וואָס שווימט.

7

דאָס האַרץ נאָר עס רייסט זיך צו פרייד,
צו דעם שוימיקן וויין און צו רויש,
מיין צונג עס זאָל וואַרפן מיט רייד,
ווי די פונקען פון שייטער אַרויס;
די פיס זאָלן ווערן מיר פרעמד
אין דעם לופטיקן טאַנץ און אין שפּרונג,
אַז בלייבן עס זאָל נישט דערקענט
פאַר מיין אייגענעם בליק אַט־דער יונג!

8

פאַר איינעם כ׳בין אַ מאַן מיט שטאָלצן גאַנג,
אַ צווייטער זעט אין מיר אַ בעטלער נאָר,
אַזוי בין איך אין גאַסן אַ געפאַנג
פאַר בליקן פון די מענטשן פון מיין דאָר.

און איך בין טאַקע דאָס וואָס יעדער וויל,
וויל רייך איז דאָך מיט פּענימער מיין זעל:
אַמאָל אַן אָנאָוו־וואַסערל אַ שטיל,
אַמאָל אַ ווינט צעוויכערטער אין פעלד.

מיין פּאָנים ענדערט זיך מיט ליכט פון טאָג
און אַלע וואָלקנס רוען אין מיין בליק.
איך ליב די אַלע הויטן, וואָס איך טראָג,
זיי שפּילן אויס פאַר יעדערן אַ „שטיק״.

און איך בין דאָך, ווי וואַקס פאַר אַלץ אָרום
און ווי א דיסק דערנאָך כ׳זינג אויס דאָס ליד
פון טעג און מענטשן הויקערדיקע-קרום —
דאָס ליד פאַרפליט אין ליידיקן אָרביט.

9

אַ שטורעם איז אַדורך מיין ברוסט
און אויסגעקלערט דעם הימל מיינעם,
עס יאָגן שטראָמען אָן פון לוסט
און ליכטער לייכטן און באַשיינען.

עס לויפט דאָס בלוט מיט אַ געזאַנג
פון אָדער צו דעם אָדער שנעלער;
אָ וועלט, מיין וועלט, איך בין דאָך קראַנק
פון ליבע צו דיין גרויסער זעלע!

איך דריק דיך צו מיין מענטשן - גוף,
עס שטראָמט דער טיינעג, ווי אַ רעגן,
ווען כ׳ריר אָן צערטלעך דיין אָן-סאָף,
מיך נאָענטער ווי נ׳לאַנד די וועגן.

מיין פאָטערלאַנד ביסטו און לופט,
אין הויכקייט זיינען מיינע פליינען,
מיין לאַנד איז אָן אַ גרענעץ - סלופּ,
די שטערן זיינען מיינע שכיינים.

10

מען דאַרף דאָך פֿאַרוויגן אויך גרויסע
און זינגען אַ ליד זיי דערביי:
„נו שלאָף דאָך, מיין פריינט, אין דעם שוים איין
פון רו און פֿאַרגעס אָנעם פיין.

„נו שלאָף איין אין רויקן פלאַטער,
ווי בוים, ווען עס גלעט אים דער ווינט.
פֿאַר ליידן, מיין פריינט, און פֿאַר מאַטער,
זיי מוחל פֿאַר זיי מיר, מיין קינד!"

11

ווי איך הונגער נאָך געזאַנג!
זאָל די פלייט מיך פירן איצט!
דין איז איר מוזיק - געדאַנק,
אין איר קישעפדיקן צווים.
פידלטאָן איז ווי אַ שטראַל,
ציטערט ער אַף אָוונט-פעלד.
באַלד די נאַכט ארונטערפאַלט,
נאָר דער טאָן, אַ גאָלדנער, העלט.
— פויק, צעפויק מיר מיינע טעג,
כ'זאָל זאָל ניט וויסן ווו און איין!
אַף דיין פויקן פלאָנטער - וועג
ניט געפינט מען מער קיין פיין.
כ'וועל זיך טרינקען אין מוזיק
ווי אין רעטונג, ווי אין גליק.
פידעלע, פאַרוויג!

12.

עס לויפן אָן, ווי זעלנער, די געדאַנקען,
ווי זעלנער מיט די שפּיזן קעגנאַנד
און איך בין ס'פעלד פאַר זייערע געצאַנקען,
מיין מויעך ז'ווי אַ קריג-צעאַקערט לאַנד.

פון וואָר זיי קומען אין מיין טרוים אַריבער,
מיין שאַרבן ז'פול מיט דאָס מאַכשאַוועס-בלוט;
אָ וויי איז מיר! איך טראָג אַ מאַכנע קריגער
אין זיך און כ'ווייס מיט זיי ניט, וואָס מען טוט!

13.

יעדער ווינקל פון שטאָט איז אַ צייכן פון ליידן,
אַ מאַצייווע פאַר שווערע פאַרגאַנגענע יאָרן.
ווו דו טוסט זיך אַ קער — איז אַ גאַס, אַ געביידע,
וואָס דערמאָנט דיר אָן פּיין, אָן אַ לעבן פאַרלאָרן.

יעדע גאַס איז פאַר דיר ווי אַ מייל-שטיין פון טרויער,
אָט-אָ-דאָ איז געפאַלן אַ טרער און פאַרבליבן,
ווי אַ פעלז אין דער צייט און וואָס גייט ניט פאַרלוירן
און אָט דאָרטן — דער צאָרן, — עס שטייט נאָך דאָס שטיבל...

.14

איך האָב דיר אַנטקעגן געטראָגן
מיין זעלע — אַ בעכער מיט פריינטשאַפט.
און איצט פאַר דער וועלט טו איך קלאָגן,
אַז דו האָסט פון מיר זיך דערווייטערט.
געעפנט איך האָב מיינע אָרעמס,
געפאַנגען נאָר ליידיקן כאַלעל.
איצט וועקט זיך אין האַרצן אַ וואָרעם
אַ סינע אַ שוואַרצע ווי סמאָלע.
דער קאַלטער ארום איז אַן אײדעם,
אַז איך וועל דיך קיינמאָל פאַרגעבן.
דער טייוול וועט שטיין צווישן ביידן,
אַזוי ביז דעם סאָף פון דעם לעבן.

.15

דער סקולפּטאָר האָקט זיין גרויען שטיין
און ס'בליט פון אים דאָס לעבן.
דער מוזיקער זיין פרייד - געוויין
ער לאָזט דורך קלאַנגען שוועבן.
דעם מאַלערס אויג איז פול מיט פאַרב
מיט ליכט און שאָטן - טענער.
דער דיכטער בינדט זיין פערזן - גאַרב,
דאָס האַרץ ווערט דאַר און קלענער.

16.

איך זע: די אומגערעכטע שמייכלען שטענדיק,
דאָס פּאָנים איז בײַ זיי צעשטראַלט;
זיי זיינען גרייט צו וואַרפן אין דיר שטיינער,
ווייל דו ביסט קעגן זיי אין אַלץ.

אָט - דאָס אַליין, וואָס ס׳גייט דיר ניט אַף רעלצן,
איז אַ באַווייז, אַז דו ביסט פרעך;
צו ווייניק פּעט ביסטו מ׳זאָל דיך שעצן —
די אומגערעכטע האָבן רעכט....!

17.

איך האָב נישט געטרונקען קיין וויין,
קיין לאָרבער - קראַנץ האָב איך דערוואָרבן,
נאָר גוט איז מיר, ברודערל מיין,
עס זינגען אין מיר מילדע כאָרן.

אין שטאָט איז נאָך האַרבסט, ווי געווען,
דאָס בייז איז פון וועלט ניט פאַרשוווּנדן,
דאָך זילבערט געזאַנג אַזוי שיין,
וויברירנד אַרום און אַרומעט. —

פונוואַנעט אין זעלע דאָס ליד,
אַז טעג שטייען שאָרסטיקע, האַרבע? —
איך פרעג עס בײַ פריידיק געמיט —
און ס׳ענטפערט געמיט, ווי אַ האַרפע...

18

עס זיינען מיינע לידער נאָר געווענדט צו די וואָס ליידן,
אַ ברודער מיט וויבריִרנדיקער זעל פֿון יעדן פֿאָלק,
פֿון אָוואַר און פֿון היינט און פֿון דער צוקונפֿט גאָר דער ווייטער,
איך גיי מיט דיר אין גרויסער וועלט און ס׳רעדט אין
מיר דיין קאָל!

צוזאַמען שטעלן מיר זיך אָפּעט באַ די קליינע פֿריידן,
אין גענעם, גלויב איך, טרעפֿט דאָך אויך אַ אופּבליִץ
פֿון אַ שיין;
עס טרעפֿט, אַז דער געפּייניקטער, געשלאָסענער אין קייטן,
גאָר אומגעריכט זיך שטיל פֿאַנאַנדערזינגט אין זיך אַריין.

ס׳קען קיינער אונדז באַנאַנעווענען פֿון די-אַ קליינע רעגעס,
וויל טיף אין דער נעשאָמע דאָרט באַהאַלטן ליגן זיי;
אַ טאָג פֿאַרגייט און נאָך אַ טאָג, ווי שטראַלן, זיך באַוועגן
און פּלוצים זעסט אַ רעגנבויגן - שיין אַרום דיין ה׳יי.

19

מיין מוזע איז אַליין דאָס לעבן,
דאָס לעבן וואָס איך טרעף אַ יעדן טאָג,
דאָ אויסגעלייטערט - קלאָר און דאָ פֿאַרנעפּלט,
דאָ מיידלש - שטיפֿעריש און דאַ פֿאַרצאָגט.

און איך בין שוין געווינט צו די קאַפּריזן
און צו דעם בייט פֿון ליכט אַף איר געזיכט:
אַ מוזע, מיין געליבטע, דו מוזט וויסן,
ווי אָפֿט איך לייד און פּיינען ביטערלעך!

אַ יאָ, עס טרעפט דו שמייכלסט צו מיין זעלע.
אַ קנופּ פון ליכט איז דאַן בּאַ מיר דאָס האַרץ
און כ׳גיי אַרום אַ ליכטיקער אַ העלער
אין קרייז פון פאַרבן ליליעדיקע - צאַרט.

גאָר - ווייניק שענקסטו מיר אַזעלכע רעגעס,
די העלע רעגעס פון דעם בלויען נאַר....
האָסט ליבער מיך צו פירן אַף די וועגן
פון שוואַרצער נויט, פון אומעט און געפאַר.

20

ווי אַ זעגל איז דאָס האַרץ
איבער וועלן פון די טעג :
אָט איז רויק עס און צאַרט,
קוים עס גיט זיך אַ באַוועג.
אָט עס יאָגט אַ שטורעם אָן,
זעטיקט אָן דאָס האַרץ מיט ווינט —
אין דעם שוואַרצן שטורעם - טהאָם
יאָגט דער זעגל שוין געשווינט.
איצטער לייטערט זיך די ספער,
כמאַרעס און אַ שטיקל בלוי;
כוואַליעס ווערן רויקער
און דאָס האַרץ ווערט אויך אַזוי.

אַ וואָלף אַ פאַרווונדעטער נ'אַ דאָרף
האָט פאַרבלאָנדזשעט — אַ גאַסט צום געלעכטער
פאַר אַלטע און יונגע; די קינדער
זיך דרייען אַרום אין אַ ראָד
אין שפּאַס - טאַנץ לעקאָוועד דעם וואָלף.
די שעפּסן — די גוטע נעשאָמעס,
אויך זיי האָבן דערפילט דעם ספּעקטאַקל,
זיי מעקן אַרוים אין אַ כאָר,
דאָך האַלטן זיך פון ווייטן.
דער אַלטער פּאַסטוך — ער איינער,
אַ כאַווער פון ווינטן און שטערן,
פון גראָזן, ביימער און כאַיעס,
האָט געזען אין דעם וואָלפס אויגן
אַ שטורעם פון בליצן און פייער
און ער האָט געוואָרנט: — אַ ברידער,
ס'וועט דער צאָרן פון וועלפישן גוף
אַרויס און אַזוי ווי אַ פלאַם
וועט ער פלאַקערן און אייך פאַרצערן! —
די ווערטער זיי האָבן געטראָפן,
ווי פונקען אין טרוקענעם היי — — —

— — — — — — — — —

אַ נייער געלעכטער ז'געוואָרן
פון אַלטן פּאַסטוכס רייד . . .

22

דער טאָפּאָל - בוים האָט זיך צעקלונגען
מיט די בלעטעלעך פון גאָלד,
געוועקט פון מײַרעוו - ווינטלעך יונגע,
טויזנט גלעקלעך אַף אַמאָל.
די זון האָט אַלץ, האָט אַלץ פאַרשפּונען
אין איר ברייטער שטראַלן - נעץ.
דער יאַם — ווי מאַכנע פון דעלפינען
וואָלט זיין איבערפלאַך באַזעצט
און גלימצערן און שימערירן
אין דעם ראַם פון פיאַלקע - בלאָ
פון לופטן מילדע, וואָס פאַרלירן
זיך אין טיפקייט אָן א דנאָ.
און זאַפטיק איז, ווי יונגע ליפּן
ס׳גראָז אַף פּלײַן צעשפּרייט אָן ענד,
זיי הוידען זיך, די קליינע, שטיפן
כוואַליעדיק אין זונען - בלענד.
דער מענטש איז ווי אַ רויק טייכל.
אין נעשאָמע טאַנצט די זון,
די עכאָס פון דעם פיין דערגרייכן
קוים דעם ליטערן אַרום.

23

איך האָרך ווי עס זינגט דער אַרום:
האָריזאָנט איז אַ פליט גאָר געוואָרן;
אין סימפאָניע פון יאַם און פון זון,
אויך איך בין אַ קלאַנג אַ פאַרלאָרן.

אָרקעסטער פון כוואַליעס אין יאַם,
וויג-וויג — ווי די פידלען אין טרוים —
פאַרקישעפטע קושן דעם זאַמד
און לויפן צוריק אין דעם טהאָם.

די פליִט האָט באַצויבערט דעם הימל,
אַ בונד העלע טענער איז ער;
די לופט איז אַ ליכטיקער הימן,
אַ בוים איז אַן אויער, וואָס הערט.

אַ לויב דיר מיין לעבן, מיין לעבן!
מיין ברוסט שרייט אַרויס דיר אַ לויב!
די פיינע מיזאַל ליִגן דערנעבן
געזאַנג — זיי פאַרפליִען, ווי שטויב.

.24

ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקנס שנעל,
שפּריץ פון באַרג פאַרדעקן זיי.
און דער שטורעם — גרייזער העלד,
זיינע ברייטע אָרעמס שפּרייט.
שוואַרצער טייך די וועלן קערט
מיט גערויש פון רעדער שווער;
ביימער בויגן זיך צו דר'ערד,
אַלטער שטורעם איצטער הערשט.
— כ'בין דער ברויז פון דעם געוויטער,
דורך די לופטן רודער איך.
אומרו, ווירבל איז מיין סוויטע,
וואָלקן - טונקל איז מיין ליכט.
וועלט צי איך? — מיר שטורמען היינט.
וועלט און איך — מיר זיינען פריינט,
ביידע שטורעם - לייט.

25

... און פלוצים הויבסטו אוף דעם קאָפּ,
דו זעסט אַ הימל ווייך, ווי זייד
און ווינטלעך לייכטע אוף און אָפּ,
זיך שיפן אין דער לופטיקייט.

פון דער לעוואָנע בלייכער שיין,
איז ווי אַ שלייער אַף דער שטאָט,
די הייזער צערטלעך הילט ער איין,
און אָט — זיי זיינען שוין ניטאָ.

און ווידער צערטלט זיך דער יאַם,
מיט פאַסן זילבער פלעכט זיך איין,
און יעדע וועל — אַ שטילע שוואַן,
דעם ברעג פאַרוויגט און שלעפערט איין.

ראָמאַנס

.1

ליבסטע מיינע, טראַכט פון מיר!
פון דער ווייט וועל איך עס פילן,
ווי אַ בלימל פילט באַריר
פון דעם ווינטל יונגן, שטילן.
מיינע אויגן זעען שטראַלן,
ס׳איז דיין מירמל - לייב ווי שניי,
בריסטן דיינע — שניי - אָוואַלן,
די נעשאָמע שטעכן איין.
ליבער פון קאַסקאַדן - קלאַנג,
אין די וועלדלער פון מיין היים,
ווערטער דיינע — גלייך געזאַנג
פון די עכאָס ווייט, געהיים.
כ׳האָב געטרונקען פון דיין מויל,
ליבע — צאַרטע צאַרטקייט - אויל,
טראַכט פון מיר אַמאָל!

.2

יאָ, זי האָט מיין זעל געפאַנגען
און מיין וועלט האָט זי פאַרצוימט.
אירע קושן אופגעהאַנגען
אין די טאָלן פון מיין טרוים.

ווײנט נעשאָמע מײַנע, ווײנט,
אַז פאַרלאָרן כ׳האָב אַ וועלט,
אין דער ליבע איז דאָך ענג,
האָריזאָנט דער ברײטער פעלט.
כ׳בין אַ זעקל איצט מיט לײב,
הויל בין איך פּוּסט אַ געזאַנג,
שילט איך, יאָ, איך שילט דאָס ווײב,
ווײכן זאָל מען פון איר גאַנג.
ב׳וועל מײַן צאָרן באַלד איר וואַרפן
און אַ וואָרט, ווי מעסער, שאַרפן.

3

גאָרנישט קען געדאַנק פאַרנעמען,
פול עס איז מיט דיר, אָ פרוי!
האָסט געליבט מיך — עס דערקענען
איז ניט שווער געווען אַזוי.
הײנט האָב איך געלאַנגווײלט דיך,
כ׳האָב געפילט עס, מײלע, וואָס?
דאָך ניט טרויעריק בין איך
אָן אַ סימען פון פאַרדראָס.
אויגן מײַנע סיוויסײ
צערטלען זײדנעם לאָקן - טײך,
אויבעט אין מײַן טרוימערײ
זוניקן די לאָקן ווײך.

4

ס׳איז מײַן ליבסטע גאָר פֿאַרדאָרבן,
כ׳ווייס, אַז כ׳האָב געליבט אַ שלאַנג;
כ׳האָב געזען איר ניט געפֿאַרבן,
ר׳נאָז איז ווי אַ שנאָבל לאַנג.
אָ, ווי נאַריש כ׳בין געווען,
איר באַזונגען האָב איך דאָך,
כ׳פֿריי זיך, וואָס איך בין גענעזן
פֿון אילוזיע - בייגללאָך.
לאַך איך פֿון מײַן נאַרן - קאָפּ,
פֿון מײַן צוגעטרוימטן מיידל,
דאָך אַ צווייט מאָל כ׳נאַר זיך אָפּ
מיט דער שוואַרצער — זי איז איידל.
אירע אויגן זײַנען קיל
און ווי בלוט איז רויט איר מויל
זי איז זיבער וויל.

5

אַזוי ווי אַ זוניקער וואָלקן ביסטו.
גאָר לאַנג איז מײַן הימל אַ וויסטער געווען
מיט לאַנגווײַלן גרוי, מיט דערעסענער רו.
דער הימל פֿון האַרץ ביז איך האָב דיך דערזען.

אַף אייביק מײַן אויג האָט געפֿאַנגען דײַן שטאַלט,
דײַן שטאַלט, וואָס איז גלײַך צו אַ בילדע אַ מילדע,
מײַן אויער דײַן ציטעריק קאָל עס פֿאַרהאַלט,
דײַן קאָל אין מײַן אויער וועט קיינמאָל אַנטשטילן.

6

טרעפט, אַז עס באַהעפטן זיך
הימל און די ערד — איין קנויל.
ס'איז אַ יאָנטעוו פול מיט ליכט
און דער רוים איז פול מיט ווויל.
וואָלקנס זיינען געסט אָט־דאַן
אין דעם וועלטישן ראָמאַן,
ווי די בלומען־בלעטלעך זיי
שווימען אַף דער ברוסט פון ווינט,
ווייסע, מילדע, ווי דער שניי
און זיי ווינטשן פיל געזונט.

7

כ'האָב פאַרבענקט זיך אין מיין איינזאַמקייט נאָך מענטשן,
ווי די שטילקייט קען פאַרבענקען זיך נאָך קלאַנגען...
בין איך אין שטאָט אַוועק, אין גאַסן אַלט - באַקענטע,
צו אַן אַלטער טיר בין איך אַזוי דערגאַנגען.

איך זע עס שיינען נאָך די בליקן פון אַמאָל,
ווי ס'וואָלטן יאָרן גאָרניט אָפּגערונען;
דערזעלבער פייער ברענט נאָך אין דעם זעלבן קאָל...
יאָ, עס איז דעם נעכטן גאָרניט אָפּגעקומען.

דערפיל איך אינעם בלוט אַן אָנגעלויף פון ווינטן
און ווי וואַטן שרייט די ציטעריקע זעל
פאַר אַלץ און די נאַטור כ'פאַנג ווידער אָן עמפינדן
און עס שטראַלן אָרעאָלן אין מיין וועלט.

ליטע

ווילִיע, מוטער גוטע, מיינע!
זילבערדיק איז כוואַליע דיינע!
מיך געצערטלט האָסט אַמאָל
אין דעם שיינעם קאָוונע - טאָל.

כ׳קאָן דאָך אַלע בערג באַם נאָמען,
ווי זאָל איך מיין היים ניט קאָנען?
דעמבע - וועלדל אַף וויטאָווט,
אַף דעם זון - באַרג קום איך אָפט.

פליסט פאַרביי דער אַלטער ניעמען,
ווינטלעך זיינע וועלן קעמען,
באַרג - קייט ביזן מיירעוו, ווייט,
בלויער באַלטיק - יאַם דאָרט שרייט.

אַף די פליינען, שטיל, און טויען,
קרומע דערפעלעך דאָרט גרויען,
בלייכע אין לעוואָנע - שיין
און אין שטיבלעך וווינט דער פיין.

און די סאָסנע - וועלדער, שוואַרצע,
רוישן לידער ווי פון האַרצן;
ווינטער אין די פרעסט די ווייסע,
וואָלקנס שווימען אַלץ פון פרייסן...

ליטע-פאָלק מיט מילדע אויגן
צו דער ערד איז היינט געבויגן.
טפיסעס זיינען פול מיט יוגנט,
היימלאַנד מיינע איז אין וווּנדן!

מיין ברודער דער טענצער

כ'האָב אַ ברודער,
אוך, ווי וווּנדערלעך עס קלינגט!
טאַנצט ער אויס זיין בלייכן אָטעם,
זינגט ער — הייזעריקלעך ר'זינגט.

דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט
פאַרטאַנצט ער:
וואָס איז ברויט?
גאָרניט שעבעגאָרניט...

דרייען זיך די ווענט אים,
שפּיגלט אָפּ דער שפּיגל
בלויען פּאָנים זיינעם.
מוישע טאַנצט! לאָז אים דו!
לאָז אים!

כ'האָב אַ ברודער,
אוך, ווי וווּנדערלעך עס קלינגט!
טאַנצט ער אויס זיין בלייכן אָטעם,
זינגט ער — הייזעריקלעך ר'זינגט.

מיין זונעלע

יִיצְכָאקְוּ גְעוּוִידְמַעט

אַ פֿלאַטערל, אַ שטיפֿריש ווינטל,
האָב איך געטרוימט וועט זיין מיין קינד;
געקומען ז׳גאָר אַ שטראַלן - בינטל
פֿון זון אַראָפּ, אָ מיך פֿאַרגינט!
ס׳באַוועגן זיך פּ׳זיין קעפּל קרויזן,
ווי גלעקלעך גילדערנע אין ווינט;
אין בלויע אויגן קוואַלן ברויזן
און לאַכן זיי! — אָ מיך פֿאַרגינט!

ר׳איז שענער פֿון מיין טרוים געקומען,
ג׳געוועקט דאָס פֿאָטערלעך געפֿיל;
אַ קנאָספּ אין האַרץ האָט זיך צעגומען
און ליבשאַפֿט וואַקסט און ליבשאַפֿט שפּילט;
אַ פּאַלמע האָב איך אין מיין ווינונג,
זי איז נאָך קליין, דאָך שלאַנק, ווי מילד;
עס וואַקסט אַ דאָר פֿאַר מיינע אויגן,
די מענטשהייט וואַקסט פֿאַר מיר, איך פֿיל.

אָ זאָל מיט אים קיין בייז ניט טרעפן!
צו שווער וואָלט זיין פאַר מיר דער פּיין!
אַליין פאַר זיך דאָס האַרץ איך עפן
און שפּיל זיך דאָרט מיט יינגל מיין
אין שאָ פון אַרבעט איבער גאַסן,
ווען בענקשאַפט קוועלט פון יעדן גליד;
עס טרעפט איך טו זיין שלאָף אויך האַסן,
וואָס נעמט פון מיר אַוועק מיין ליד...

איך פיל עס עפנט זיך זיין וועלט אוף,
מיט יעדן טאָג וואַקסט אויס זיין בליק
און ווייטער גרייכן זיי צעהעלטע...
דער הימל בליט און אַלץ איז גליק!
מיר דוכט איך בין אַליין דאָס יינגל,
אויך איך טרעט צוויי יאָר אָף דער ערד
מיט יונגער זון אַרומגערינגלט,
אַ נייקייט שפּרייט זיך וו איך קער.

כעשבן - האַנעפּעש

מײַן יוגנט־פֿרײַנט י. ווײַץ געווידמעט

ס׳איז דרײַסיק יאָר אַוועק פֿון יענעם זומער - טאָג,
ווען איך האָב דיך דערפֿילט, אָ מוטער מײַנע וועלט!
די גאַס די ייִדישע פֿון אַרבעט און פֿון וואָג,
האָט, גלויב איך, ניט געפֿרײט זיך מיט אַ נײַער זעל.
אַ גאַנצער יוווּל, ווי די אויגן זײַנען אָפֿן!
די שטראַלן פֿון דער זון און אויך דער טול פֿון נאַכט,
דורך פֿענצטער אײַנציקן זײַ זײַנען אָנגעלאָפֿן
אַף מיר און ווי איך האָב די מאָדנע געסט באַטראַכט.
כ׳געדענק: דעם ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ פֿלײַן
פֿאַרגאָסן אין אַ יאַם פֿון ליכט, אַ גאָלד׳נע ספֿער.
די פֿרייד האָט אופֿגעקוועלט אין מיר און כ׳האָב געוויינט,
מײַן קלײנע האַרץ איז דאַן געווען אַלײן אַ טרער.
און אָט בין איך אַ קינד, וואָס מײנט, אַז עס איז אַלץ.
איך גיי אין וועלט אַרײַן, ווי אין מײַן אייגן העמדל.
דער טײַך בין איך און איך בין אויך דער וואַסערפֿאַל,
וואָס אײַלט פֿון באַרג אַראָפּ און כ׳בין אויך ס׳קלײנע זעמדל.
ס׳איז אויסגעפֿאַלן אַף מײַן גורל שווערע טעג,
אָט ווי אַ גרויסער שפּין — די נויט — האָט אַלץ פֿאַרוועבט.
אַ מערעשקע אַ קלײנע כ׳בין אין מיטן וועג,
פֿון צופֿאַל אָפּגעהיט. אַזוי האָב איך געלעבט.

די יאָרן פֿליען, ווי די טויבן פֿליען זיי,
ביז ערשטן ציטער פֿון דער יוגנט דער צעשפּילטער.
פֿאַרלאַנגען אומבאַוווּסטע רעגן זיך אין ווײ,
זיי האָגלען אין דער זעל, אין כמאַרעס אײַנגעהילטער.

אַ פרילינגס - נאַכט. אַ יאַם פון שטערנדלעך צעגליטע,
זיי שטעכן דורך די נאַכט, ווי שאַרפע שפּיזלעך גאָלד.
דער ערשטער קוש האָט, ווי מוזיק געציטערט,
געבליבן ניט אַרויסגעזאָגט דער „כ'האָב דיך האָלט!".
פון שיינעם בעכער פריינטשאַפט האָב איך דאַן פאַרזוכט.
עס ווערן די נעשאָמעס — פליגלען פון איין פויגל
און איינער פאַרן צווייטן ז'ווי אַן אָפן בוך
פון לידער האַרציקע, וואָס ווערן איינגעזויגן.
און יאָ — די טעג זיי זיינען פול מיט האַרמאָניע,
מיט קאַמף פאַר ברויט, פאַר לעבן און פאַר אידעאַל,
דער שטאָלץ פון פילן זיך — אַ איז עס אַ טיינגע!
אין לעבן איך פאַרמאָג און טייל עס איבעראַל.

ווי ס'האָט ווירגיל געפירט דעם דיכטער איבער גענעם,
אַזוי האָט מיך דער גורל איבער שטעט געפירט.
אין האַרבסט האָט ער געלאָזט מיך מענטשן צו דערקענען,
דעם טרויער האָב איך נאָר, ווי סאַם, אין זיי דערשפּירט.
כ'האָב הימלען פיל און אויך די לופטן איינגעאָטעמט.
די פייגל, ווי די וואָלקנס, זיינען דאָך פאַרשיידן.
נאָר אומעטום עס ליגט דער זעלבער שוואַרצער שאָטן
און פיין און ווייען לייד אַף שפּראַך דער זעלבער ריידן.
אַף וועגן קרומע גיי איך מיט פאַרמאַכטע אויגן,
די ווילנס די צעבראַכטע, כ'לאָז זיי אַפּ פון צוים,
און זיי — אין הינטערגאַס נאָר האָבן מיך געצויגן
און אויך, אַן שרעק, אין סאַמע האַרץ פון טיפן טהאָם.
דערנאָך האָט נאָכגעלאָזט דער גרויליקער געוויטער.
ס'איז עפּשער שוין אַריבער ס'צאַפּלען פון דער זעל.
פון יענע טעג געבליבן זיינען נאָר די לידער
און הייסער אַש, אין דעם זיקאָרן אָפּגעשטעלט.

שפּעט - זומער, צייט פון שניט איז נאָך ניט אָנגעקומען.
די לויטערקייט וואָס איך דערוואַרט, איז נאָך ניטאָ,

ווען מיט אַ רינג פון רו איז מען אַרומגענומען,
ווען שטיל און מילד עס בייטן זיך אַ שאָ מיט שאָ.
אַ יאָ! ס'איז שווער געווען מיין לעבן, פול מיט זשאַווער,
נאָר כ'ווייס, אַז ברידער מיינע, דיכטער, גייט ניט גרינג.
פון אייביק אָן זיי זיינען מיט דעם אומגליק כאַווער
און עפשער איז'ס דער ווײ, וואָס ער באַפוילט אונדז: זינג!
אין צוקונפט - ווייט איך בליק אַריין איצט מיט אַ שמייכל,
און אויך — ווען איך זאָל דאַרפן זאָגן: שוין גענוג! —
דער קיווער איז מיר כאָשעוו, ווי די העכסטע הייכן,
ווער ווייס, צי בין איך ניט צו פרי געוואָרן קלוג!
דאָך בין איך נייגעריק צו זען מיין ווייסע עלטער.
ווי וועל איך אויסזען מיט אַ שטעקן אין דער האַנט,
און ווען מיין בלוט וועט שטילער ווערן און אויך קעלטער
און דער געדאַנק וועט וואַרטן אַף דעם לעצטן צאַנק.

☆ ☆
☆

דעם טאָג, וואָס איז נאָך ניט געבוירן,
ניט די זון האָט אים געזויגן —
אָ איך זע אים שוין פאַר מיינע אויגן,
ווי מיין ווייסל שפּילט זיך מיט זיין בלוי!

אָ, נייגער! יינגלשער פאַרמעגן!
ער וויל דעם מאָרגן זען דערנעבן
און זיין ברייטע ברוסט אין ליכט - געוועבן,
אומבאַקאַנטע פרייד פון אים דערלעבן...

אינהאַלט

די שלאַכט פאַרן מענטש

	זייט
העלדן - ליד	7
דער סוינע	8
די באַלאַדע וועגן דער קינדערשער האַנט	10
דער שייטערהויפן	11
שלאַכט - ליד	14
דער קאָשמאַר	15
דער רויטער טייך	16
ניט דער טייך וועט באַשיצן די האָרוטס	17
צי לעבט נאָך מיין מאַמע אין ליטווישן שטעטל?	19
די שטראָף	20
די פליער	23
דער מענטש	24
איך ווייס עס וועלן קומען גרויסע טעג	26

אינטים

ליבעט צו דיר, נעשאָמע פון דער וועלט	29
ליבין אַזוי ווי דאָס טייכל	29
עס דאַרפן דאָך די מוזיקער קיין ווערטער	30
דו דאַרפסט דאָך קיין ווערטער ניט האָבן	31
דער שלאָף איז ווי אַ רעגנבויגן	31
איך האָב אַ פריינט אין מיינע שווערע טעג	32
דאָס האַרץ נאָר עס רייסט זיך צו פרייד	33
פאַר איינעם ליבין אַ מאַן מיט שטאָלצן גאַנג	33
אַ שטורעם איז אַדורך מיין ברוסט	34
מען דאַרף דאָך פאַרוויגן אויך גרויטע	35
ווי איך הונגער נאָך געזאַנג	35

זייט

עס לויפן אָן, ווי זעלנער, די געדאַנקען — — — 36

יעדער ווינקל פון שטאָט איז אַ צייכן פון ליידן 36

איך האָב דיר אַנטקעגן געטראָגן — — — 37

דער סקולפּטאָר האַקט זיין גרויען שטיין — 37

איך זע די אומגערעכטע שמייכלען שטענדיק 38

איך האָב ניט געטרונקען קיין וויין — — — 38

עס זיינען מיינע לידער נאָר געווענדט צו די,
וואָס ליידן — — — 39

מיין מוזע איז אַליין דאָס לעבן — — — 39

ווי אַ זעגל איז דאָס האַרץ — — — 40

אַ וואָלף אַ פאַרוווּנדעטער ניא דאָרף — — — 41

דער טאָפּאָלבוים האָט זיך צעקלונגען — — — 42

איך האָרך, ווי עס זינגט דער אַרוט — — — 42

טייאָגן שוואַרצע וואָלקנס שנעל — — — 43

און פּלוצים הויבסטו אויף דעם קאָפּ — — — 44

ראמאנס

ליבסטע מיינע, טראַכט פון מיר — — — 45

יאָ, זי האָט מיין זעל געפאַנגען — — — 45

גאָרניט קען געדאַנק פאַרנעמען — — — 46

ס'איז מיין ליבסטע גאָר פאַרדאָרבן — — — 47

אַזוי ווי אַ זוניקער וואָלקן ביסטו — — — 47

טרעפט, אַז עס באַהעפטן זיך
כהאָב פאַרבענקט זיך אין מיין איינזאַמקייט
נאָך מענטשן — — — 48

ליטע — — — 49

מיין ברודער דער טענצער — — — 50

מיין זונעלע — — — 51

כעשבן האַנעפּעש — — — 53

דעם טאָג, וואָס איז נאָך ניט געבוירן — — — 55